בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים


פרשת חיי שרה תשפ"ד שנה י | גליון מס' 507


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### יעדער טאג און זיין פליכט

**"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל"** (כד א)

אויפן פסוק "זקן בא בימים" דרש'ענען חז"ל (ב"ר נט ו): "יש לך אדם שהוא בזקנה ואינו בימים... אבל כאן זקנה כנגד ימים וימים כנגד זקנה". ערקלערט דער אוזורובער רבי בעל **'באר משה'**: יעדער מענטש, און יעדער טאג, האבן א באשטימטן תפקיד וואס מען מוז אויספירן, לויט זיין אלגעמיינע שליחות אויף דער וועלט. דער וואס ערפילט נישט זיין טעגליכן פליכט, אפילו אויב ער איז זוכה צו זקנה, קען מען נישט זאגן אויף אים "בא בימים". אויף אברהם אבינו זאגט די תורה עדות אז ער איז געווען "זקן בא בימים", ווייל ער האט מקפיד געווען צו ערפילן זיינע טעגליכע פליכטן, און נאך זיין פטירה האט ער געהאט מיט זיך אלע טעג, אפילו איינ'ס האט נישט געפעלט.

און טאקע אויפן פסוק (תהלים יט ג): "יום ליום יביע אומר", שרייבט דער **'שפת אמת'**: "פון דער טאג וואס דער וועלט איז באשאפן געווארן ביז ווען דער וועלט שטייט, איז די הארה פון איין טאג נישט ווי א צווייטע". און מיט דעם ערקלערט ער וואס מיר לויבן ביי תפילת ערבית: "אשר בדברו מעריב ערבים בחכמה פותח שערים"; די סיבה פארוואס סוף יעדן טאג גייט די זון אונטער, כדי צו עפענען טויערן פון התחדשות אויף די הארה פון דעם קומענדיגן טאג.

'שפת אמת' תהלים יט ג; 'באר משה' עמ' תקט

### ענטפערן אמן איז חשובער פון די ברכה

**"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל"** (כד א)

**האדמו"ר רבי יעקב יצחק מקוידינוב זאגט:**

ענטפערן אמן איז מרומז אין אנהויב פון דער פסוק, אין די סופי תיבות: "זקן **בא** בימים", און זאגן א ברכה איז מרומז ערשט שפעטער, אין די ווערטער: "וה' ברך". דאס וואס דער פסוק איז מקדים די אמן פאר די ברכה איז א רמז אויף וואס חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

'אמרי יעקב'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א 'פארזיכערונג פאליסע' גע'חמ'עט מיט א אמן

עס איז נאר פארביי עטליכע וואכן פון די ימים הנוראים ווען מיר אלע האבן געבעהטן נאכאמאל און נאכאמאל: "זכרינו לחיים!". מיר זענען אדורך שווערע טעג זייט דעמאלט, און מיר פארלאזן זיך אויפן באשעפער אז אונזער בקשה איז נתקבל געווארן לרחמים ולרצון. שבת פרשת חיי שרה איז א פאסיגע צייט מיר זאלן זיך דערמאנען אז יעדן טאג קענען מיר זוכה זיין, אומזיסט אן קיין געלט, אין א 'לעבנ'ס פארזיכערונג' וואס וועט גאראנטירן אריכות ימים בטוב ובנעימים.

די חכמים זכרונם לברכה (ברכות מז א) זאגן אונז צו מיט קלארע ווערטער: "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו". דאס קומט זאגן: אז כדי זוכה זיין צו אריכות ימים פאדערט זיך נישט פון אונז נאר ענטפערן אמן מיט א געלאסנקייט, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (או"ח קכד ח): "ולא יענה אמן קצרה, אלא ארוכה קצת, כדי שיוכל לומר: 'א-ל מלך נאמן'".

די בעלי התוספות האבן געטראפן אין אונזער פרשה א רמז אויף די הבטחה, ווייל אזוי דרש'ענען זיי דעם פסוק (כד א): "ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל"; ""זקן בא בימים' - איז סופי תיבות 'אמן', פון דא לערנען מיר אז יעדער וואס ענטפערט אמן וועט מאריך ימים זיין". איך האב געטראכט צולייגן א וואונדערליכן און צוגעפאסטן רמז אין דער ענין, פון דעם וואס די ראשי תיבות פון דער פסוק (משלי ג ב): "כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך", זענען גימטריה פונקט איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון אמן.

איך וויל צולייגן און אנצייכענען אז אין ירושלמי (ברכות ח ח) ווערט געברענגט דער מאמר חז"ל מיט נאך איין ווארט: "העונה אמן מאריכים לו ימיו ושנותיו **בטובה**". און אויך אויף די צוגעלייגטע ווארט קען מען זאגן אז דאס איז מרומז אין דער המשך פון דער פסוק: "וה' ברך את אברהם בכל".

איך האב געהערט פון איינער וואס איז אנוועזנד געווען ביי די לויה פון א טייערער איד מיטן נאמען רבי חיים הערש גאלדבערגער, פון די סאטמאר חסידים אין בארא פארק, וואס האט ספעציעל מהדר געווען ביי די מצוה פון ענטפערן אמן.

רבי חיים הערש איז נפטר געווארן אין יאר תש"ל אין עלטער פון 91 יאר - א עלטער וואס אין יענע יארן איז עס געווען פאררעכנט פאר א זעלטענע אריכות ימים. זיין גרויסער רבי בעל 'דברי יואל' פון סאטמאר האט אזוי געזאגט ביי זיין לויה: רבי חיים הערש האט זוכה געווען צו אריכות ימים, ווייל ער האט מקפיד געווען מיט זיין גאנצן כח אויף ענטפערן אמן, וואס אויף דעם זענען חז"ל מבטיח אריכות ימים, און ווייל 'אמן' איז גימטריה צ"א, האט ער זוכה געווען מאריך ימים זיין ביז זיין איין און ניינציגסטע יאר.

אין פון מיין פערזענליכן בליק וויל איך צוגעבן: מיט עטליכע יאר צוריק האב איך געהאט די זכי' צו זיין אויף די קבר פון מיין זיידע רבי יעקב דוב מארמארשטיין, א תלמיד פון רבי יהודה אסאד, וועמענ'ס נאמען איך האב זוכה געווען צו טראגן. ווען איך בין אנגעקומען צו זיין קבר אין שטעטל סיג אין ראמעניע, בין איך איבערגענומען געווארן ווען איך האב געזעהן אז אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט די ווערטער: "מספר ימיו צ"א שנים". אין די סקונדע האט מיר אויפגעבליצט דער געדאנק אז ביי דעם זיידן וואס האט אריינגעברענגט אין זיינע קינדער די חשיבות פון ענטפערן אמן איז מקויים געווארן די הבטחה פון חכמים "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו".

טייערע ברידער! אין א צייט וואס מיר אלע קוקן ארויס אויף א ישועה, לאמיר אויפשטיין פרי און מהדר זיין אין ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון די מתפללים, עס איז נישט קיין ספק אז אויב מיר ווען זיך אזוי פירן וועלן מיר זוכה זיין צו ממשיך זיין און טון אזוי ביז דער עלטער, לאורך ימים ושנים טובות, אמן.

**מיט א רוף "אמן מאריכה ימים"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## א וועכנטליכער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# — א לאנגע קעגנערשאפט האט זיך געענדיגט אין א קורצע שמועס —

ר' הערשל, א תל אביב'ער איינוואוינער כמעט א יובל יאר, האט אין זיינע עלטערע יארן באשלאסן זיך אריבערציהען וואוינען נעבן זיינע קינדער אין די עיר התורה בני ברק. ער איז געראטעוועט געווארן פון די צווייטע וועלט'ס קריג. ער האט אויסגעטרונקען דעם ביטערן געטראנק ביז צו די ענדע, אבער ער האט זיך נישט צובראכן, און מיט א שטארקע אמונה איז ער ארויף קיין ארץ הקודש וואו ער האט אויפגעשטעלט א הערליכע משפחה. אין די טעג פון די שבעה, נאך זיין פטירה, איז געהערט געווארן איבער אים א וואונדערליכע מעשה:

דעם ערשטן טאג נאכדעם וואס ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין בני ברק, האט ער באגעגנט אין די לאבי פון די בנין איינער פון די אלטע איינוואוינער אין דעם געביידע. נאך א הארציגע 'שלום עליכם' באגריסונג און עטליכע ווערטער פון זיך באקאנט מאכן האט אים דער שכן דערציילט אז איינער פון די שכנים וויל שוין לאנג איבערבויען זיין דירה, אבער די שכנים זענען נישט מסכים צו דעם. "מיר ווייסן אויף זיכער פון די וואס האבן געבויעט דא אין די געגנט, אז די שכנים ליידן זייער, אזוי אז מיר האבן באשלאסן נישט צו ערלויבן", האט דער שכן געענדיגט זיינע ווערטער.

ר' הערש'ל האט אריינגעקוקט אין די קלוגע אויגן פון דעם מענטש, ווי ער פארשטייט נישט וואס ער דערציילט, און וואס וויל ער פון אים, און דער שכן האט באלד ערקלערט:

"ווי עס זעהט אויס, אונזער קעגנערשאפט


דער מגיד רבי ראובן אליצור קארעלנשטיין זצ"ל

וועט אפגעווארפן ווערן דורך די שטאט-ראט, און איך ווייס נישט וויפיל צייט מיר וועלן קענען פארמיידן די ערלויבעניש צו בויען. אבער יעצט אז איר זענט געקומען דא וואוינען, מיר וועלן האבן די געלעגנהייט אפווארפן די בקשה אויף אייביג. איר קענט טענה'ען און מיט רעכט אז אין דיין עלטער וועט שווער זיין פאר אייך צו ליידן די גרודער און שמוץ פון בויען, איר זענט נישט אהער געקומען צו ליידן פון א טומל און שמוץ".

"ווער איז דער שכן, און וואס איז זיין נאמען?" - האט ר' הערשל איבערגעריסן די פייערדיגע ווערטער פונעם שכן. "דאס איז דער שכן וואס וואוינט פונקט העכער דיר" - האט דער שכן געזאגט אין א שטילן טאן. "גוט, איך וועל זארגן אויף דעם, א גרויסן דאנק פאר דיר!" - האט ער זיך געזעגנט, און פארגעזעצט זיין וועג.

פון דער מינוט האט ר' הערשל אנגעהויבן צו ארבעטן. ווי א יונגערמאן האט ער זיך געאיילט ארויפגיין די טרעפ צו די הויז פון דעם שכן. ער האט געקלאפט אויפן טיר, און זיך אידענטיפיצירט אלס דער נייער שכן פון אונטן; "אה... שלום עליכם! יא, איך האב געהערט אז איר קומט פון תל אביב, ברוך הבא, איר זאלט האבן א גוטן ישוב!"

"איז מעגליך אריינצוקומען?" האט ר' הערשל געפרעגט איידלערהייט, "יא, בשמחה רבה, אנטשולדיגט פון פאראויס אויף די באלאגאן, איך וועל אייך צוגרייטן א הייסע גלעזל טיי". ער האט אביסל אויסגערייניגט דעם באלאגאן פון טיש אין דייניג רום, און אים אריינגערופן זיצן.

"אלס נייער שכן אין ענקער בנין, בין איך געקומען מאכן א באקאנטשאפט מיט דיר", האט ר' הערשל אנגעהויבן, און האט באלד געשטעלט א רייע פראגעס: "וויפיל יאר וואוינט איר שוין דא? וויפיל קינדער האט איר? איר האט שוין חתונה געמאכט? וויפיל צימערן זענען דא אין אייער הויז?"

"איך פארשטיי אז ענק וואוינען דא - צוועלף נפשות - אין צוויי און א האלב צימערן" - האט ר' הערשעל אויסגעפירט, "וויאזוי, למען השם, קען עס זיין?".

דער שכן האט אומבאקוועם געשטאמלט: "ווען ס'איז נישטא קיין ברירה, געבט מען זיך א עצה... ביינאכט שלאפן מיר אויך אין די קיך און אין דייניג רום...", און האט צוגעלייגט מיט ווייטאג: "מיר ווילן אויסברייטערן אונזערע דירה, אבער די שכנים שטעלן זיך אקעגן, וויבאלד מיר ווילן נישט אריינגעשלעפט ווערן אין קריגערייען, ווערן מיר געצווינגען ביז דערווייל זיך א עצה געבן אזוי ווי עס איז..."

"און וואס איז מיט געלט?", האט ר' הערשל געפרעגט; "אויב איר וועט וועלן בויען, וועט איר האבן די פינאנציעלע מיטלען אויף דעם?". "ווען עס וועט זיין למעשה, וועלן מיר שוין האבן", האט ער געענטפערט, "עס זענען דא אסאך גמ"ח'ן אין בני ברק". "הער מיך אויס מיין פריינד", האט געזאגט דער נייער שכן, "ווען איך האב געוואוינט אין תל אביב, האב איך געפירט א גמ"ח, איך האב יעצט גרייט א גרויסע סומע, קום יעצט אראפ צו מיר און נעם א צעטל, שרייב אונטער די ערבים, און איך וועט דיך גערן געבן א הלוואה".

"נאר יעצט האב איך דאך דיר געזאגט, אז יעצט געפינט זיך נישט אויפן טיש דער געדאנק פון בויען", האט דער שכן זיך געוואונדערט, "דאס לאז איבער פאר מיר" - האט ר' הערשל געזאגט און איז ארויס פון שטוב.

פון דארט איז ר' הערשל שוין אריבער צו דעם גרעסטען מתנגד פון צו בויען, יא, דעם וואס ער האט געטראפן אין לאבי פונעם בנין און אים אריינגעברענגט אין דעם ענין. ער האט אים געבעטן רשות אריינקומען און האט אנגעהויבן פרעגן: "וויפיל קינדער האט איר?" "פינף, און אלע האבן שוין ב"ה חתונה געהאט" האט יענער געענטפערט, "און וויפיל צימערן האסטו אין אייער הויז?", "דריי גרויסע צימערן" - האט דער מענטש געענטפערט, אן פארשטיין צו וואו ציהלט זיין גאסט. "איז האסטו צוויי ליידיגע צימערן", האט ער אויסגעפירט, "אין דער צייט וואס דיין שכן צושטיפט זיך צוזאם מיט זיינע צוועלף נפשות אין צוויי און א האלב צימערן. זיי שלאפן אויף די ערד פון קיך, און דו, נישט נאר אז דו וואגסט דיך אקעגנשטעלן זייער פארלאנג, נאר דו קומסט אויך מיך צו פארפירן?!"

"זאלסט וויסן", האט ר' הערשל צוגעגעבן ווען טרערן גלאנצן אים אין די עלטערע אויגן, "איך בין נישט יונג, און איך בין שוין אסאך אדורך אין מיין לעבן, טראץ דעם עלטער אונטערשייד צווישן אונז, ביזסטו אויך נישט אזוי יונג. פון מיין לעבנ'ס ערפארונג קען איך דיך זאגן: אויב א מענטש האט רחמנות אויף א אנדערן, און בפרט אויף זיינע נאנטע שכנים - האט אויך דער אויבערשטער רחמנות אויף אים, און זיינע תפילות ווערן אנגענומען באהבה וברצון, אבער ווער עס פארשטאפט זיין הארץ פון די ליידן פון אנדערע, וועט מען אין הימל נישט אננעמען זיינע בקשות ווען ער וועט זיך געפונען אין א צרה, און קיינער איז דאך נישט פארזיכערט..."

די דברים היוצאים מהלב פון דעם גוטהארציגן עלטערער איד, זענען געווען נכנסים אל הלב פון דעם שכן, און האט באלד געזאגט: "איך נעם אוועק מיין קעגנערשאפט".

"ווארט, דאס איז נישט גענוג" - האט ר' הערשל נישט נאכגעגעבן, "מיר דארפן אים אויך העלפן צו האבן געלט צו קענען צובויען, איך האב שוין געטון וואס איך קען, יעצט בעט איך פון דיר דו זאלסט אויך פרובירן", דער שאקירנדער שכן האט צו דעם אויך מסכים געווען.

ר' הערשעל איז נאך אלץ נישט געווען צופרידן: "לאמיר אויסנוצן די יעצטיגע שעת רחמים, און לאמיר צוזאמען גיין דערציילן דעם שכן פון דער אנטוויקלונג" - האט ער געבעהטן, און יענער האט נישט געקענט אפזאגן. אויפן וועג ארויף איז דער אלטער אריין אין זיין דירה, און ארויסגעברענגט א פלאש ברוינפן, ווען די 'משקה' איז אין זיינע הענט, און דער שכן דער 'מתנגד' שלעפט זיך נאך נאך אים, איז ער ארויף צום שכן'ס הויז וואס האט שוין לאנג געוואלט פארברייטערן זיין דירה: "מיר טרינקן יעצט 'לחיים', אין דער מינוט קענסטו אנהייבן בויען" - האט ער אינפארמירט דעם פארוואונדערטן שכן, "די 'שכנים' שטעלן זיך שוין נישט אקעגן" - האט ער צוגעגעבן, ווען ער שמייכלט צו דעם שכן וואס האט אים באגלייט.

"אזעלכע טענות זענען מעשים שבכל יום", האט אויסגעפירט דער מגיד רבי ראובן קארעלנשטיין, וועלכער האט געהערט די מעשה הערשט האנטיג, "עס וואלגערן זיך פאר אונז וואונדערליכע געלעגנהייטן צו ערוועקן רחמנות אויף זיך - טראכטן פון א אנדערן, רחמנות האבן אויף אים, אים דערפרייען און מוטיגן, און מיר זענען דאך צוגעזאגט געווארן אז 'כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים' (שבת קנא ב). וועלן מיר נישט האבן שכל דאס אויסנוצן?!".

'יחי ראובן' וירא

# דרך אמונים
## הלכות פון ענטפערן אמן

### מיטן הערן די ברכות השחר איז מען נישט יוצא

**מען קען זיך נישט אפרעדן אויף דער מנהג צו זאגן די ברכות השחר צוזאמען, מיט די טענה אז בשעת'ן הערן די ברכות פונעם ערשטן, זענען אלע צוהערהער יוצא מיט דעם, און דארפן נישט נאכאמאל זאגן די ברכות. ווייל דער מברך האט נישט אינזין צו מוציא זיין די צוהערהער, און אויך די צוהערהער האבן נישט בדעה יוצא זיין מיטן הערן די ברכה, נאר זיי ווילן נאכדעם אליין זאגן די ברכות.**

מקורות וביאורים:

אזוי איז דער לשון אין 'שלחן ערוך' (ו ד): "ואין לערער עליהם [אויף די וואס זאגן ברכות השחר צוזאמען] ולומר שכבר יצאו באמן שענו תחלה, מפני שהמברך אינו מכוון להוציא אחרים, ואפילו אם היה המברך מכוון להוציא אחרים, הם מכוונים שלא לצאת בברכתו". פון די ווערטער זעהט אויס אז עס איז נישט גענוג אז די צוהערהער זאלן נישט אינזין האבן יוצא זיין, נאר זיי דארפן קלאר אינזין האבן נישט יוצא זיין. אין ספר 'מנחת פתים' פון ר"מ אריק (או"ח ו ד) ווערט ערקלערט אז צוליב דעם האט דער שו"ע מדייק געווען אין זיין לשון ווייל ער האט חושש געווען אויף די וואס האלטן אז מצוות דרבנן אין צריכות כוונה (וכפי שפסק המג"א ס ג. וראה שו"ע הרב תפט יב), און ווייל זאגן ברכות השחר איז א מצוה מדרבנן, איז דער שומע יוצא אויך אויב ער האט נישט אינזין יוצא זיין, נאר אויב ער האט קלאר אינזין נישט יוצא זיין. אבער אין 'מקור חיים' פון 'חות יאיר' (שם) שטייט אז די כוונה פון שו"ע איז נישט אז די צוהערהער דארפן קלאר זיך אויסנעמען אז זיי ווילן נישט יוצא זיין מיטן הערן פון זייער חבר, נאר די עצם מנהג וואס זיי פירן זיך זאגן איינער נאכן צווייטן, איז כדי צו פארמערן אמנ'ס, דאס איז א ראי' אז זיי ווילן נישט יוצא זיין פון א צווייטן. און אזוי שטייט אין 'הליכות שלמה' (ניסן-אב עמ' שנא-שנב), און זעה אין 'מנחת פתים' דארטן אז אזוי זעהט אויך אויס פון דער מהרי"ל (בשו"ת חדשות, סי א) און פון 'שלחן ערוך הרב' (ו ט).

### זאגן ברכות השחר צוזאמען

•

### זאגן 'ברוך הוא וברוך שמו'

**עס איז דא וואס האלט אז דער וואס הערט ברכות השחר בעפאר ער אליין האט געזאגט, זאל מקפיד זיין זאגן 'ברוך הוא וברוך שמו' אויפן דערמאנען די נאמען פון ה' ביי די ברכות וואס ער הערט, כדי עס זאל זיך אנזען אז מיט די יעצטיגע הערן וויל ער נישט יוצא זיין.**

מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט דער 'ערוך השולחן' (שם יג). ווייל דער וואס הערט כדי צו יוצא זיין איז עס גערעכנט ווי ער אליין זאגט די ברכות און מעג נישט מפסיק זיין מיטן זאגן "ברוך הוא וברוך שמו". און זעה נאך אין 'משנה ברורה' (קכד כא) וועגן דיעבד, אויב איינער האט גענטפערט "ברוך הוא וברוך שמו" אינמיטן הערן א ברכה וואס ער וויל יוצא זיין.

# אוצרות אמונים
## ענטפערן אמן מיט כוונה

### ענטפערן אמן מיט אמונה ברענגט די ישועה

איינער פון רבי משה קאברינער'ס חסידים האט געוואלט אריינגיין צו זיין רבי'ן זיך אויסשמועסן וואס ער טראגט אויפן הארץ און באקומען א ברכה. דער רבי האט אים געזאגט ער זאל אריינקומען צו אים אין דער צייט פון עסן. ווען ער איז געקומען האט דער חסיד געהערט ווי דער רבי זאגט די ברכות: "בורא מיני מזונות", "שהכל נהיה בדברו", און האט געענטפערט אמן. נאכדעם האט דער רבי אים געזאגט: "דו האסט געהערט מיינע ברכות און געענטפערט אויף זיי אמן וואס זייער באדייט איז אמונה אין די הנהגה פון השי"ת אין זיין וועלט, ווילסט נאך עפעס צולייגן?!" און טאקע אזוי, די אמונה וואס איז איינגעווארצלט געווארן אין הארץ פון דער חסיד פון הערן די ברכות פון זיין רבי'ן, האט צוגעברענגט אז עס איז איבריג געווארן וואס ער האט געוואלט זאגן. ער האט גארנישט געבעהטן, נאר אז די אמונה זאל שטענדיג רועהן אין זיין הארץ.

אין יענע געלעגנהייט האט דער רבי אזוי געזאגט: דער פסוק (תהלים צד טו): "כי עד צדק ישוב משפט", לערנט אונז אז דער משפט און די יסורים וואס קומען אויף א מענטש איז עס "נאר ביז עס ווערט אויפטוהן, און אריינקריצן די אמונה אין זיין הארץ אז די הנהגה פונעם אויבערשטען איז ריכטיג"; דערנאך וואס דער מענטש וועט וויסן קלאר אז דער אויבערשטער איז גערעכט און וועט מקבל זיין די יסורים באהבה, וועט פון זיך אליינ'ס זיין "ישוב משפט" - די יסורים וועלן זיך אפטוהן פון אים און עס וועט זיין המתקת הדינים ('אמרות משה' [ב"ב תשע"ו] ח"א עמ' קד).

# אגרות אמונים
## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים' - שלום וברכה

דער נאמען פון אייער גליון איז זייער צוגעפאסט און ברענגט ארויס התרגשות. און אזוי איז אויך די אינהאלט, די קאלום'ס זענען גוט אויסגעשטעלט, געשריבן ווי עס דארף צו זיין און מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט. כה לחי.

די כסדר'דיגע התחדשות אין אייער גליון דערפריידט די הערצער. און א יישר כח אויף די נייע קאלום 'שערי ישועה' וואס שילדערט מיט א פאכמאנישער פעדער די ניסים און ישועות וואס די וואס זענען דבוק אין אמן זענען זוכה.

איך האב שוין געהערט אין די פארגאנגענהייט פון עטליכע מענטשן וואס האבן מיר דערציילט אז ווען זיי דארפן א ישועה אין יעדע הינזיכט, זענען זיי זיך מחזק אין ענטפערן אמן, און זענען זוכה צו זעהן אפענע חסדים.

איר האט אמאל געברענגט אז אין די סדר פון אל"ף בי"ת, די אותיות נאך 'אמן' זענען 'בנס', און דאס לערנט אונז אז באלד נאכן זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן איז מען זוכה צו זעהן קלאר מיט די אויגן די בחינה פון "ועל נסיך שבכל יום עמנו". איך האב געטראכט צולייגן און ברענגען נאך א רמז אויף דעם. ביי מעריב זאגן מיר: עושה גדולות עד אין חקר, ניסים ונפלאות עד אין מספר". די ווארט 'אמן' איז ראשי תיבות: "ניסים **אין מספר**", און אזוי אויך: "**נפלאות אין מספר**". דאס קומט אונז לערנען אז ענטפערן אמן ברענגט מיט זיך אלע ישועות.

אין די צייט וואס מיר אלע דארפן צוקומען צו א ישועה פון השי"ת, און אלע זעהן קלאר אז אין לנו על מי להישען אלא על אבינו שבשמים, וועלן מיר אלע זיך מחזק זיין מיט ענטפערן אמן, און עס איז נישט קיין ספק אז מיר וועלן זעהן ניסים ונפלאות.

מיט א וואונטש 'פויעלט'ס אלעס גוט'ס'
**ירוחם שמואל הכהן**
עיה"ק צפת ת"ו

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

# ענטפערן אמן ראטעוועט נפשות

**די פאלגנדע מעשה איז צו אונז געשיקט געווארן אין די לעצטע טעג נאך די שרעקליכע טעראר כוואליע וואס האט באטראפן דאס אידישע פאלק וואס וואוינען אין ארץ ישראל, ווען עס זענען אומגעברענגט געווארן ארום טויזנט און פינף הונדערט אידן אין די דרום געגנט הי"ד, און נאך טויזנטער זענען פארוואונדעט געווארן, און הונדערטער זענען גענומען געווארן אין געפענגעניש דורך די מערדער, הקבה"ה זאל זיי שיקן א רפואה און א ישועה בקרוב.**

פאמיליע ב. וואוינט אין שטאט אופקים שוין איבער צעהן יאר. אזוי ווי אלע איינוואוינער אין שטאט האבן זיי זיך געטראפן שמחת תורה אינדערפרי אונטער א בייזע טעראר אטאקע, ווען באוואפנטע טעראריסטן האבן זיך אריינגעדרונגען פון עזה-פאס און אנגעזייט א חורבן און טויט וואו זיי האבן זיך נאר געוואנדן.

די אטאקע, ווי מיר ווייסן, האט זיך אנגעהויבן ארום די צייט ווען די זין האט אנגעהויבן אויפשיינען, ווען די רוצחים האבן אנגעהויבן מיט א מאסיווע מיסיל אטאקע אויף די שטעט אין ארץ ישראל, וואס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן צו זיין א שפיל כדי די טויזנטער מערדער זאלן קענען אריינקומען אומגעשטערט אין ארץ הקודש.

פונקט אין דער צייט האט דער אבי המשפחה געוואלט ארויסגיין מיט זיינע צוויי קליינע קינדער דאווענען אין שוהל די יו"ט'דיגע תפילות און פייערן די הקפות לכבוד די תורה מיט גרויס שמחה און פרייד. ווי אלע איינוואוינער פון די דרום געגנט, זענען די משפחה - מיטגלידער שוין געוואוינט וואס מען דארף טוהן ווען עס הערט זיך א אלארעם, און אזוי אויך דאס מאל, נאכ'ן ווארטן עטליכע מינוט אין א באשיצטן ארט, זענען זיי ארויס אינדרויסן און זיך געגרייט צו פארזעצן זייער טעגליכן סדר היום.

דא איז דער פלאץ צו אנצייכענען אז פאמיליע ב. וואוינט אויפן גרעניץ פון די 'מישור הגפן' געגנט וואס די מערדערישע טעראריסטן האבן פארכאפט און דערמארדעט צענדליגע פון אירע איינוואוינער. זייער וועג גייט אדורך אין די געגנט, און גייט פארביי די 'תמר' גאס וואו די טעראריסטן האבן זיך דארט אויפגעהאלטן.

ווען די אלארעם איז שטיל געווארן, האט דער פאטער זיך געגרייט זיך ארויסלאזן מיט די קינדער אויפן וועג צום שוהל, אבער בעפאר ער איז ארויס האט זיין ווייב אים געבעטן ער זאל ווארטן נאך אביסל, אפשר וועט זיך באלד הערן נאך א אלארעם. אבער דער מאן וועלכער איז שוין געוואוינט געווען צו דעם האט איר בארואיגט אז די אטאקע איז שוין אריבער, און עס איז נישטא קיין סיבה צו מורא האבן.

דער מאן איז שוין געשטאנען נעבן טיר, אבער דאן האט די פרוי פארגרעסערט א שטארקע טענה וואס אויף דעם האט ער נישט געהאט א ענטפער: "סיּוּר" ווען דו קומסט אין שול", האט זי גע'טענה'ט, "זאגסטו די ברכות השחר מיט די קינדער צו זוכה זיין און מזכה זיין מיט אמן. איך בעט דיר אז היינט זאלסטו דאס טוהן אין שטוב, צוזאמען מיט די גאנצע הויזגעזונד וואס אלע האבן זיך אויפגעוועקט פרי צוליב די אלארעמ'ס, און דערנאך וואס מיר וועלן האבן די זכות פון ענטפערן אמן, וועל איך זיין מער רואיג ווען דו וועסט גיין אין שוהל".

די טענה האט ער נישט געקענט אפזאגן. די גאנצע פאמיליע האט זיך וואוקגעשטעלט אין דיינ'ג רום און האבן אנגעהויבן זאגן די ברכות השחר איינער נאכן צווייטן. זיי האבן אנגעהויבן מיטן עלטסטן און געענדיגט מיטן קלענסטן; דער טאטע, די מוטער און דערנאך זייערע זעקס קינדער אין א רייע האבן געזאגט די ברכות השחר ווען די גאנצע משפחה ענטפערט אמן מיט כוונה. עס האט געדויערט לאנגע מינוטן, און צום סוף האט ער באקומען די 'ברכת הדרך' פון זיין פרוי.

ווען זיינע העלנט כאפן אן די הענט פון זיינע צוויי עלטערע זין האט דער פאטער זיך געגרייט צו גיין, אבער פונקט אין יענע מינוט האט זיך אנגעהויבן צו הערן פון אינדרויסן שרעקליכע קולות פון שיסערייען און געשרייען פון פאניק. איינער פון די שכנים איז מיט שרעק צוריק אריינגעלאפן אין די געביידע און זיך געאיילט מיטיילן די פאמיליע איבער די מצב און אים געווארנט ער זאל נישט ארויסגיין פון זיין הויז, ווייל באוואפנטע טעראריסטן דרייען זיך אין די גאסן פון שטאט.

די מוטער ענדיגט איר ערציילונג מיט די ווערטער: "עס איז גרינג זיך פארצושטעלן וואו מיין מאן און מיינע קינדער וואלטן געדארפט זיין אין יענע גורל'דיגע מינוטן, ווען נישט איר וואלט איינגעפלאנצט און איינגעווארצלט די חשיבות פון זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא. שוין לאנג צוריק האב איך געוואוסט אויף די סגולות פון דער מנהג, אבער יעצט האט דער איבערשטער געהאלפן איך זאל דאס זעהן קלאר און אפן. הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו".

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

# רבי ליבער הגדול פון בארדיטשוב

## כ"ח חשון תקל"א



דער ציון פון רבי ליבער הגדול אין בארדיטשוב

רבי אליעזר ליבער איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי אברהם אשכנזי, וואס איז געווען א אייניקל פון רבי שמשון אסטראפאליער. פון זיין מוטער'ס זייט איז ער געווען א אייניקל פון רבי יחיאל מיכל פון נעמירוב. די צוויי גרויסע זיידעס וואס ווערן פאררעכנט צווישן די גרויסע מקובלים, זענען גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש ה' אין די גזירות פון ת"ח - ת"ט.

רבי ליבער האט אין זיין יוגנט געוואוינט אין די שטעטל בוסטרין וואס איז נעבן דער פלאץ וואו עס איז שפעטער אויפגעבויעט געווארן די שטאט בארדיטשוב. אין זיין געגנט איז ער געווען באקאנט אלס מקובל און א הייליגער מענטש, און פלעגט גיין התבודדות אין די וועלדער נעבן זיין שטאט. נאך אן אינצידענט וואס ער האט געהאט מיטן פירשט פון די דיסטריקט, האט אים דער פירשט צוגעזאגט צו בויען א באזונדערע שטאט פאר די אידן - און דאס איז די שטאט בארדיטשוב. אין דעם באזונדערן בית המדרש וואס דער פירשט האט פאר אים געבויט אין בארדיטשוב, האט רבי ליבער געלערנט מיט זיינע תלמידים תורת הנגלה והנסתר.

אויף זיין עלטער, ווען ער איז אלט געווען ארום הונדערט און פיר יאר האט ער געבוטשעוועט אין בארדיטשוב א שווערע מגפה. ער האט אויף זיך מקבל געווען פארלאזן דער וועלט אין די מגפה, און מיט זיין פטירה האט זיך די מגפה אויפגעהערט. רבי ליבער איז נפטר געווארן כ"ח חשון תקל"א און איז באערדיגט געווארן אין זיין שטאט בארדיטשוב.

## א סגולה אויף אריכות ימים

דער אייניקל פון רבי ליבער, רבי חיים ליבערזאהן ברענגט אין זיין ספר 'צרור החיים' (אות פט) אז זיין זיידע רבי ליבער פלעגט מעורר זיין אויף צוויי אמנים, וואס טראגן זייער באזונדערע מעלה, זענען אסאך מזלזל אין זייער ענטפערן אן צולייגן קאפ, און זיי זענען: 'אמן' נאך די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון' - ווייל דער ציבור איילט זיך זאגן 'מודים דרבנן', און 'אמן' נאך די ברכה 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים' וואס ווערט געזאגט שבת ביינאכט - ווייל דער ציבור איילט זיך זאגן 'ושמרו'. און רבי ליבער פלעגט צולייגן אז מקפיד זיין אויף ענטפערן די אמנים איז "מסוגל אויף אריכות ימים ושנים".

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com